זקניך ויאמרו לך

# דרשת הרה"ח ר' חיים אלעזר שפיטצער שליט"א

## ביום ד' פרשת וישב, כ"א כסלו שנת תשע"ז לפ"ק

בהיכל ישיבה לצעירים תו"י דרבינו יואל דסאטמאר וויליאמסבורג

### תלמידי בעל שם טוב הק' האבן נישט געוואלט קומען קיין אמעריקע

עס איז דא מקובל א מעשה וואס עס האט פאסירט מיט בערך הונדערט און פופציג יאר צוריק, א קבוצה אינגעלייט תלמידי חכמים, יראים, זענען געפארן פון אמעריקע צום בעלזא רב הרה"ק רבי יושע'לע בעלזער זצ"ל, און זיי האבן געוויינט פאר אים מיט תחנונים אז טויזענטער אידן קומען ארויס קיין אמעריקע און אלעס גייט לטמיון, קיינער קען זיך דארט נישט האלטן ערליך עס זענען נישטא קיין מוסדות, עס איז נישטא ווער עס זאל זיי ערציען אויפן ערליכן וועג, און זיי האבן געבעטן אז דער בעלזא רב זאל קומען מיט זיין גאנצע משפחה און מיט זיינע חסידים אויף איין יאר קיין אמעריקע מעמיד צו זיין הדת על תילה, און ער וועט אפראטעווען טויזענטער און טויזענטער אידן פון גיין לטמיון, און זיי האבן אזוי געוויינט פאר אים, און זיי האבן אים געזאגט אז דאס וואלט ער אפילו געדארפט טוהן נאר צו ראטעווען א נפש אחת מישראל און כש"כ דא אז מען קען ראטעווען טויזענטער אידישע נפשות.

דער בעלזער רב זצ"ל האט געענטפערט ווארט צו אפאר טעג און איך וועל זאגן תשובה, נאך אפאר טעג האט ער געזאגט אזוי, "עס איז אראפ געקומען בעולם א גרויסע טומאה פון חיצונים וכדו', און ווי עס זענען שוין געווען צדיקים קדושי עליונים תנאים ואמוראים, דערנאך זענען געווען די בעלי תוספות שפעטער זענען געקומען די ראשונים ואחרונים און דערנאך די בעש"ט הק' ותלמידיו הק', איבעראל ווי זיי זענען געווען האבן זיי מטהר געווען דאס לאנד און דארט קען מען זיין ערליך, אין אמעריקע איז נאך קיינמאל קיין ערליכע איד נישט געווען און דארט איז כמעט

נישטא קיין בחירה, ממילא, האבן מיר קבלה אז וואו זיי זענען נישט געווען זאלן מיר אויך נישט אהין גיין" און ער האט געראטן אז זיי זאלן פארן קיין ליטא ווייל זיי האבן נישט דעם קבלה.

אזא קבלה איז דא, עס איז אויך דא בקבלה אן ענליכע מעשה פונעם שינאווער רב זצ"ל.

**די פעולות פון יהודה מיט יוסף הצדיק**

נאכן חורבן ווען עס איז געווען העולם שמם און דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף כלל ישראל צוליב די הבטחה פון כי לא תשכח מפי זרעו (דברים לא כא) האט ער איבערגעלאזט דעם פח שמן טהור, די אור גדול, די עמוד האש העומד לפני מחנה ישראל רבינו הקדוש זי"ע, אז ער זאל זיין דער וואס זאל קומען קיין אמעריקע און מטהר זיין אמעריקע, וואס האט געטוהן דער צדיק? צוויי זאכן, צוויי פעולות האט ער געטוהן מטהר צו זיין אמעריקע, איינס האט ער געטוהן דאס וואס יוסף הצדיק האט געטוהן אין מצרים נאך איידער יעקב אבינו איז געקומען, בזכותו נגדרו כל ישראל, ער האט נישט געטוהן למעשה קיין פעולות נאר זיין קדושה האט גורם געווען אז די אידן זאלן קענען גיין קיין מצרים, נישט נאר זיין דארט, נאר אז מען זאל דערנאך קענען ארויסגיין און מקבל זיין די תורה, ווען יוסף הצדיק וואלט נישט דארט געווען וואלט דאס נישט געקענט געשעהן.

דערנאך האט דער רבי געטוהן די צווייטע פעולה וואס יעקב אבינו האט געטוהן ווען ער איז געגאנגען קיין מצרים, אזוי ווי עס שטייט (בראשית מו כח) ואת יהודה שלח לפניו להורות לפניו גשנה, ברענגט דארט רש"י לתקן לו בית תלמיד שמשם תצא הוראה, עס האט געמוזט זיין די צוויי פעולות אין מצרים, סיי די פעולה פון יוסף הצדיק און סיי די פעולה פון יהודה, וואס זיי זאלן אויפבויען אז מען זאל זיך קענען דארט האלטן אין גלות.

די צוויי פעולות האט דער רבי אליינס געטוהן, איינס, דאס וואס ער איז געווען קדוש וטהור און דאס אליינס האט מטהר געווען אמעריקע אהן קיין פעולה, און צווייטנס בפועל ממש, וואס ער האט אויפגעבויעט תורה און אידישקייט, ער האט געבויעט מוסדות, און אויפגעבויעט א קהלה, און בתי חינוך לבנים ולבנות, ער האט געזאגט תורה יעדן שבת און יום טוב און אלע חגים וזמנים, און ער האט משריש

געווען קדושה און אמונה אין אלע י"ג עיקרים אין אידישע קינדער, אזוי אז מען זאל זיך קענען האלטן אין אמעריקע ביז משיח וועט קומען, און דאס איז אויף וואס מיר דארפן לויבן דעם אויבערשטן, אז דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אונז און ער איז איבערגעבליבן, דאס איז די גרויסקייט פונעם יום טוב כ"א כסלו וואס רביה"ק זי"ע איז דעמאלטס באפרייט געווארן.

**ווער האט געהאט א חלק אינעם רבי'נס הצלה**

עס זענען דא אסאך באשרייבונגען ווער עס האט אלס געהאט א חלק און דעם וואס דער רבי איז איבערגעבליבן, אז ער איז געראטעוועט געווארן ווען ער איז ארויסגעפארן פון אייראפע קיין שווייץ אינמיטן די קריג און ער איז דורכדעם ניצול געווארן, אבער איך וועל גיין גאר אן אנדערן מהלך ווער עס האט געהאט א חלק, אן אמת'ער חלק און א גאנצער חלק און דעם וואס דער צדיק איז איבערגעבליבן כדי כלל ישראל זאל זיך קענען האלטן ביז משיח וועט קומען.

עס שטייט די וואך אין נועם אלימלך (פ' וישב), אויפן פסוק (בראשית לז יב) וילכו אחיו לרעות את צאן אביהם, זאגט רש"י נקוד על 'את' ללמדך שלא הלכו אלא לרעות את עצמן, זאגט דער רבי ר' אלימלך זי"ע עס איז א גרויסע וואונדער צו זאגן אויף קדושי עליון שבטי קה אשר בצלם אנו חיים וקימים בהגלות המר הזה אז זיי זענען געגאנגען לרעות את עצמן, נאר וואס דען, זאגט דער נועם אלימלך אזוי, זיי האבן געזען אז עס קומט א גרויסע שווערע גלות אויף כלל ישראל ביז משיח וועט קומען, און זיי האבן דאס געוואלט ממתיק זיין, און זיי האבן געהאלטן אז זיי זענען נאך נישט גענוג ראוי דערצו, האבן זיי קודם געוואלט זיך אויסארבעטן אז זיי זאלן קומען צו אזא דערהויבנקייט אז זיי זאלן קענען אונטערדרוקן די כוחות הטומאה אז אידן זאלן זיך קענען האלטן אין גלות ביז משיח וועט קומען, איז וילכו לרעות מיינט א רוחניות'דיגע לרעות, אז זיי זאלן ווערן גענוג גרויס אז זיי זאלן קענען פועל'ן אז אידן זאלן זיך קענען האלטן אין גלות ביז משיח וועט קומען, און דאס האבן זיי געטוהן, זאגט ווייטער דער נועם אלימלך אז דאס איז אויך געווען די עבודה פון יוסף הצדיק, און דאס איז אויך געווען די עבודה פון יעקב אבינו, אנצוגרייטן אז אידן זאלן זיך קענען האלטן אין גלות.

און פארוואס זאגט דאס דער רבי ר' אלימלך, ווייל דער רבי ר' אלימלך האט

אויך דאס געטוהן, עס איז דא א קבלה אז דער רבי ר' אלימלך האט געפאסט איין און צוואנציג יאהר, זיבן יאהר פאר זיך, זיבן יאר פאר זיין דור, און זיבן יאר פאר די דורות ביז משיח וועט קומען, ער האט אויך געהאלטן אזוי ווי די שבטי קה אז ער איז נישט גענוג ראוי צו פועל'ן אז אידן זאלן זיך קענען האלטן אין גלות ביז משיח וועט קומען, זענען זיי געגאנגען לרעות את עצמם, דערפאר האט ער געפאסט זיבן יאר פאר זיך אז ער זאל זיין גענוג גרויס אז ער זאל קענען פועל'ן אז אידן זאלן זיך קענען האלטן ביז משיח וועט קומען.

און דאס אז דער צדיק זאל באפרייט ווערן, און עס זאל איבערבלייבן א צדיק אמת, אז ער זאל מטהר זיין אמעריקע אז אידן זאלן זיך קענען האלטן ביז משיח וועט קומען דאס האבן זיי דעמאלטס גע'פועל't, אנדערש וואלטן זיך אידן נישט געקענט האלטן ביז משיח וועט קומען, און דאס איז געווען די עבודה פון די אבות הק', פון די שבטים, און פון אלע צדיקים קדושי עליונים ביז אונזער רבי זי"ע, וואס ער האט אויך אין זיין גאנצן לעבן גארנישט עפעס אנדערש געטוהן נאר אוועקגעשטעלט פעסטע יסודות אז אידן זאלן וויסן אז מען זאל זיך פון דעם נישט אוועקרירן, און נאר אזוי וועט מען זיך קענען האלטן ביז משיח וועט קומען.

**דער יו"ט פון כ"א כסלו**

דער יום טוב כ"א כסלו איז געווען אין סאטמאר די איינציגסטע שמחה וואס דער רבי ז"ל האט געפראוועט, און עס איז געווען א געוואלדיגע גרויסע שמחה ביים גאנצן עולם.

דער רבי איז אריינגעקומען צום טיש און זיך געוואשן צו די סעודה און נאכן וואשן האט דער גאנצער עולם געזינגען און געטאנצן, פון אנפאנג איז נאך אפילו נישט געווען קיין מוזיק ווייל עס האט נישט אויסגעפעלט, ווייל די התלהבות איז געווען אזוי גרויס אז מען האט נישט געדארפט קיין מוזיק.

איך האב געזעהן די אידן וואס האבן נאך איבערגעלעבט די קריג און עס זענען געווען דעמאלטס עלטערע אידן, וואס זיי האבן אויך פארלוירן ווייב און קינדער, און איך געדענקט נאך ווי מיר בחורים - איך מיט מיינע ברודער - האבן פון פאראויס זיך אפגעשמועסט "לאמיר קוקן ווי אזוי דער איד טאנצט און לאמיר קוקן ווי אזוי יענער איד טאנצט", די אידן האבן געטאנצט מיט אזא מין דביקות, איך געדענק נאך

ווי איך האב געקוקט, עס איז געווען א געפאקטער ביהמ"ד, מען האט נישט געקענט טאנצן ווי מען טאנצט געווענליך ווי מען כאפט זיך אהן ביי די הענט, מען האט ארויפגעלייגט די הענט איינער אויפן צווייטנס רוקן און אזוי האט מען געטאנצן, און דאס גאנצע ביהמ"ד איז געווען אנגעפאקט מיטן טאנצן פון דערהויבענע אידן, מיט א געוואלדיגע דביקות מיט א געוואלדיגע דערהויבענע שמחה, עס האט געדויערט שעות שעות ארוכות, אזוי האט דאס ביהמ"ד אויסגעזעהן א יעדעס יאר כ"א כסלו.

דערנאך האט דער רבי געזאגט די תורה, ווי דער רבי גיבט אפ א שבח והודי' פארן אויבערשטן אז מען איז געבליבן, מיר האבן אן אויפגאבע מיטן בלייבן, מען איז נישט געבליבן סתם אזוי, אז מען זאל קענען דא פירן סעודות, מען איז געבליבן וועגן דעם אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין די קבלות וואס מען האט מקבל געווען פון אונזערע עלטערן, און דאס ווייטער משריש זיין ווען עס קומען דורות ווייטער, אז מען זאל זיך קענען האלטן, מען זעהט אין די תורות אז דער רבי האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות אין די הודי' פארן אויבערשטן אז מיר זענען געבליבן פאר א תכלית אז מיר זאלן קענען ווייטער ממשיך זיין דורות נאמנים לה' ולתורתו הק' (מען קען היינט זעהן געדריקט די תורות).

## די מלחמה מיט'ן שרו של עשו

איך האב געהאט די זכי', איך האב געהערט פון רבי'ן אמאל אין א לאנגע תורה, איך וועל נאכזאגן וואס עס איז נוגע פאר אונז יעצט - א קליינע פינטעלע פון דעם לאנגן דרשה - עס שטייט פאריגע וואך אין די סדרה (בראשית לב כה) ויותר יעקב לבדו, זאגט דער מדרש כל מה שהקב"ה עתיד לעשות לעתיד לבא האט ער מקדים געווען ועשה ע"י צדיקים בעולם הזה, יעקב אבינו איז איבערגעבליבן אליינס, ווייל דער אויבערשטער האט געוואלט אז עס זאל זיין א פועל דמיוני פאר די שפעטערדיגע דורות, די מפרשים זאגן אז ער האט געדארפט בלייבן אליינס, ווייל ער האט זיך געדארפט שלאגן מיט די שַׂ־רוֹ שֶׁל עֵשָׂו און מען האט געוואלט אז ער זאל זיך אליינס שלאגן מיט שרו של עשו, דערפאר האט מען אוועק גענומען פון אים אלע מלאכים און ער איז געבליבן אליינס אהן קיין מלאכים.

פרעגט אויף דעם דער רבי זי"ע, יעקב אבינו האט דאך געהאט מלאכים סיי די

מלאכים וואס האבן אים באגלייט און סיי די מלאכים וואס ווערט באשאפן פון א יעדע מענטש פון זיין תורה ומצוות, האט ער דאך געהאט טויזענטער מלאכים, און אז קיין איין מענטש איז נישט דארט געווען האבן די מלאכים אויך געקענט דארט בלייבן, און ער וועט זיך שלאגן אליינס מיטן שרו של עשו אהן קיין הילף פון די מלאכים, און כלפי שמיא גלי' אז ער האט זיך אליינס געשלאגן מיט דעם שרו של עשו און אליינס בייגעקומען, מען האט נישט געמוזט פאר דעם אוועקנעמען די מלאכים.

נאר וואס דען - זאגט דער רבי - מען האט אלעס צוגעגרייט פאר שפעטערדיגע דורות, יעקב אבינו האט טאקע געהאט מלאכים, אבער עס וועט אמאל קומען א דור - ער האט גערעדט פון זיך, און ער האט אזוי געהאלטן אויף זיך מיט אזא עניוות - עס וועט קומען א דור וואס מען וועט זיך דארפן שלאגן מיטן שרו של עשו, מען וועט נישט האבן קיין מלאכים, וואס וועט זיי העלפן הי תורה והי מצוות דמגני עלן, מיר האבן נישט קיין תורה ומצות וואס זאלן אויף אונז מגין זיין, מען דארף זיך אבער שלאגן מיטן שרו של עשו, און אים בייקומען אויך, האט מען שוין דעמאלטס צוגעגרייט אז יעקב אבינו זאל נישט האבן קיין מלאכים, אז ווען עס וועט קומען א צייט ווען מען וועט נישט האבן קיין מלאכים און מען וועט זיך דארפן שלאגן מיטן שרו של עשו און אים בייקומען זאל מען אים קענען בייקומען.

מיר האבן עס געזעהן ביים רבי'ן זייער אסאך מאל, ווער עס האט מיטגעלעבט זיינע תורות, סיי ווען ער האט געהאלטן מלחמה מיט די כוחות הטומאה איבער די וועלט, און סיי ווען ער האט גערעדט שובבי"ם בעניני קדושה, האט מען געקענט באמערקן ווי ער שלאגט זיך מיטן שרו של עשו אליינס, ווי ער שטייט פארן שרו של עשו און ער דרוקט אים אונטער מיט א געוואלדיגע כח הקדושה, מען האט דאס געקענט שפירן, ווער עס האט געהערט די תורה פון רבי'ן דעמאלטס האט געקענט פארשטיין פארוואס ער רעדט אזוי און וואס ער מיינט דא צו זאגן, אז ער דארף זיך שלאגן אליינס מיט די שר של עשו און ער דארף אים בייקומען.

**רעדן פון רבי'ן ברענגט יראת שמים**

די אויפגאבע פון אונז איז - ווי מיר האבן געהערט נעכטן וואס דער רבי זאל זיין געזונט האט געזאגט - אז מען זאל זיך נאכפרעגן ווי אזוי האט רביה"ק זי"ע

געדינט דעם אויבערשטן, וואס האט ער געטוהן אין דעם זמן און וואס האט ער געטוהן אין יענעם זמן און ווי אזוי האט ער זיך צוגעגרייט צו א מצוה, וויפיל מיר קענען משיג זיין, דארפן מיר זיך נאכפרעגן און נאכפארשטן.

עס איז דא א מאמר פונעם ערוגת הבושם זי"ע - עס שטייט אין זיינע תולדות - דער ערוגת הבושם האט נישט געקענט דעם דברי חיים, ער האט אים געקענט קענען אבער ער האט אים נישט געקענט, עס איז געווען א זמן וואס ער האט געקענט פארן אבער צוליב א סיבה איז ער נישט געפארן, עס האט אים זייער ווי געטוהן כל ימיו אז ער האט נישט געקענט דעם דברי חיים, אבער ווען ער האט געטראפן א צאנזער חסיד וואס האט געקענט דעם דברי חיים האט ער געפארשט וואס ער האט נאר געקענט, געוואויר ווערן פון אים א יעדן ריר פונעם דברי חיים, אמאל האט ער פארברענגט זייער זייער לאנג מיט א חסיד פונעם דברי חיים, עס איז געווען א חידוש, דער ערוגת הבושם האט דאך נישט מסיח דעת געווען פון התמדת התורה כל ימי חייו, מיטן גרעסטן מאס התמדה וואס א מענטש קען נאר האבן אין זיך, האט ער געזאגט, "רעדן פון דברי חיים בערנגט מיר מער יראת שמים ווי צעהן בלעטער ראשית חכמה", מען פארשטייט אליינס אז די 10 בלעטער ראשית חכמה האט געמאכט אויפן ערוגת הבושם גאר א גרויסע פעולה, אבער רעדן פונעם דברי חיים האט נאך געמאכט אויף אים א גרעסערע פעולה.

מיר דארפן וויסן אז מיר זענען נישט אזעלכע גרויסע מתמידים, און רעדן פון רבי'ן איז ביי אונז א זאַך יראת שמים, און דאס איז א חיוב נאכצופארשטן, מיר קענען נישט קיין סאך פארשטן וואס פריערדיגע צדיקים האבן געטוהן ווייל מיר טרעפן נישט די מענטשן וואס האבן זיי געקענט, אודאי איז דא די ספרים, די תולדות און זייערע עובדות, מען איז מחיוב זיך אפצוגעבן און זעהן ווי אזוי זיי האבן געדינט דעם אויבערשטן וויפיל מיר קענען משיג זיין.

אבער טאמער קענען מיר נאך היינט טרעפן מענטשן וואס האבן געזעהן דעם צדיק יסוד עולם, וואס ער האט נאך געקענט פריערדיגע צדיקים, און ער איז געווען א המשך פון פריער, איז א חיוב צו רעדן דערפון און צו פארשטן, אפילו וואס מען קען נישט נאכטוהן, נאר צו וויסן ווי אזוי זיי האבן עס געטוהן וויפיל מיר קענען משיג זיין, דאס איז א גרויסע חיוב פאר א יעדן איינעם.

**די עבודה פון רבי'ן העכער פון מענטשליכע השגות**

בדרך כלל צו רעדן פון רבי'ן איז זייער א שווערע זאך, ווייל פון וואס מען זאל נאר רעדן קען מען רעדן שעות ארוכות און מען וועט אפילו נישט קענען ענדיגן, זאל מען רעדן פון זיין תורה, פון זיין התמדת התורה, פון זיין ידיעת התורה, פון זיין מעיין המתגבר, ווען ער האט אנגעפאנגען צו זאגן תורה האט מען געזעהן אז כל התורה כולו איז אפען אין זיין מח, צי מען זאל רעדן פון זיין עבודה, פון זיין דאווענען, מען זאל רעדן פון זיין דאווענען אינדערוואכן, פון זיין דאווענען שבת, פון זיין דאווענען יו"ט, ווי אזוי ער האט געזאגט ומפני חטאינו און ווי אזוי ער האט געזאגט ותערב לפניך עתירתינו, צי ווי אזוי ער האט געזאגט א יעדן שבת ועינינו תראינה מלכותיך, עס איז א זאך וואס איז כמעט נישט מעגליך איבערצוגעבן, צי מען זאל רעדן פון זיין צדקה, צו מען זאל רעדן פון זיין פועל'ן ישועות, צי מען זאל רעדן פון זיין הכנה צום דאווענען, צי מען זאל רעדן פון זיין דקדוקי המצוות, עס איז כמעט נישט מעגליך.

נאר וואס דען, איך וועל דאך זאגן עטליכע זאכן וואס מיר האבן מיטגעלעבט מיטן רבי'ן און ביי אונז איז עס א דבר פשוט און עס איז מעגליך אז זייער אסאך אידן זאגן עס ניטאמאל ארויס פון מויל ווייל ביי זיי איז דאס א דבר פשוט, און עס איז דא א דור שפעטער וואס זיי ווייסן נישט דערפון ווייל זיי האבן דאס קיינמאל נישט געהערט.

איז דען מעגליך היינט פאר א מענטש זיך פארצושטעלן ווי אזוי די צדיקים הקודמים האבן געדינט דעם אויבערשטן? עס איז נישט מעגליך! ווי אזוי דער צאנזער רב האט געדינט דעם אויבערשטן? דאס קענען מיר זיך נישט פארשטעלן! צו נאך פריער, און אסאך אסאך פריער, די כהנים בעבודתם, ווי אזוי די כהנים האבן געטוהן די עבודה און ביהמ"ק? דאס קענען מיר זיך אודאי בכלל נישט פארשטעלן!

אבער, ווער עס האט געזעהן אונזער רבי'ן, ווי אזוי ער האט געדאווענט, ווי אזוי ער האט געלייגט תפילין, ווי אזוי ער האט געשאקלט לולב, און ווי אזוי ער האט געגעסן שבת די פיש און די זופ, וכדו' וכדו' דער קען זיך טאקע נישט פארשטעלן, דער קען אבער יא וויסן אז ער האט געזעהן אן עבודה וואס די מענטשליכע שכל קען נישט משיג זיין.

די אופן ווי אזוי דער רבי האט געלייגט תפילין של ראש - איך קען עס נישט

נאכמאכן - דער רבי ווען ער האט ארויפגעלייגט די תפילין של ראש האט עס געדויערט לאנגע מינוטן, ווי אזוי ער האט עס ארויפגעלייגט, ווי אזוי ער האט געשאקלט מיט די הענט, ארויף און צוריק אראפ, און יעדעס מאל וואס ער האט געגעבן א ריר אהן די תפילין האט ער געגעבן א כאפ אוועק די הענט אזוי ווי איינער וואס האט געכאפט א ברי, און צוריק ארויף מיט די הענט און צוריק אראפ, און צוריק ווייטער געגעבן א הידוק אביסל, און דערנאך ווייטער ארויס, עס האט געדויערט זייער זייער לאנג זיין תפילין של ראש מיט די תנועות וואס ער האט געמאכט, א יעדער האט געקענט זעהן אז דער מענטש איז נישט דא אויף דער וועלט, ער האט א גרויסע עבודה אין זאכן וואס איך קען ניטאמאל איבערזאגן, צו הייסט דאס יחודים צו דביקות בה'? איך ווייס נישט.

בערך די זעלבע תנועות האט מען געזעהן ווען ער האט געשאקלט דעם לולב, אזוי אויך האט מען געזעהן פרייטאג צו נאכטס ווען ער האט געגעסן די פיש מיט די תנועות, ווען ער האט גענומען א שטיקל פיש ווי לאנג ער האט עס גענומען אין מויל, ביי איין שטיקל האט ער גענומען דערצו א שטיקל חלה און ער האט עס געגעבן א נעם אין מויל ווען ער איז געווען אנגעלאנט,ביים צווייטן שטיקל האט ער זיך געקענט שאקלען, אזוי אז מען האט געזעהן אז דא איז דא גאר גאר א הויכע עבודה אזוי ווי צדיקים הקודמים, צו מען האט דאס געזעהן ביים זופ עסן, פאר ער האט געגעסן די זופ האט ער גענומען די לעפל און געקלאפט אויף די זופ, איינמאל האב איך געזעהן ווען ער האט געגעסן די זופ, ער האט גענומען א לעפל זופ און ווען ער האט עס שוין געהאלטן נעבן מויל איז ער שטיין געבליבן און האט עס צוריק געלייגן און ער האט גענומען א אנדערן לעפל זופ, מען האט געזעהן אז זיין עבודה איז נישט קיין עבודה פון קיין פשוטי עם, עס איז אן עבודה גאר גאר גאר הויעך.

אזוי אויך יעדן טאג ביים דאווענען, ווען דער בעל תפלה האט געזאגט "ברכו את ה' המבורך" סיי ביי שחרית און סיי ביי מעריב, ביי שחרית זאגט מען "יוצר אור" און ביי מעריב זאגט מען "המעריב ערבים", דער רבי האט זיך אראפגעזעצט נאך ברכו און ער האט נישט מיטגעדאווענט, ער איז געזעצן און ער האט גע'מוח'ט, דער גאנצער עולם האט געדאווענט און ער האט גע'מוח'ט, ווען דער עולם האט געהאלטן נאנט צו די שמו"ע האט ער זיך גענומען דאווענען, דאס איז געווען א יעדן

טאג, ווען דער עולם האט געענדיגט שמו"ע האט ער נאך געהאלטן אינמיטן עזרת, און ווען ער האט געהאלטן ביי שמו"ע, דעמאלטס האט דער בעל תפלה געדאווענט די הויכע שמו"ע, און דער רבי האט געדאווענט שמו"ע פאר זיך, דאס איז געווען אזוי א יעדן טאג.

ביי מעריב ווען דער גאנצער עולם האט שוין געענדיגט שמו"ע און אויסגעטרעטן האט מען נאך געקענט הערן ווי ער שרייט "המלך בכבודו תמיד ימלוך עלינו לעולם ועד ועל כל מעשיו", מיט אזא התלהבות אז מען האט מרגיש געווען אז דער מלך איז דא און ער קעניגט אויף אונז, דאס איז געווען א יעדן טאג, ווען יעדער האט שוין געהאט אויסגעטרעטן מען האט געווארט זעקס זיבען מינוט ווי לאנג דער רבי האט געענדיגט שמו"ע און דעמאלטס האט דער בעל תפלה געזאגט קדיש תתקבל, דאס איז געווען זיין עבודה א יעדן טאג, פרייטאג צו נאכטס איז געווען א געפאקטער ביהמ"ד און דער גאנצער עולם האט אינמיטן שטילע שמו"ע געהערט דעם רבי'ן דאווענען, ווי אזוי דער רבי שרייט אחד און ווי דער רבי זינגט זיך אונטער ושמרו בני ישראל, די וואס קענען נוסחאות גדענקען נאך דעם נוסח מיט וואס דער רבי האט געזאגט ושמרו, דאס איז געווען א זאך וואס מיר האבן מיטגעלעבט שטענדיג.

**די כח הקדושה פון רבי'ן ז"ל האט יעדן מיטגעשלעפט**

בדרך כלל איז דעם רבי'נס גאנצער מהלך החיים אינגאנצן נישט געווען קיין דמיון צו סתם מענטשן, מיט גארנישט, זיין גיין איז נישט געווען ווי א געווענליכער מענטש גייט, זיינע תנועות זענען נישט געווען ווי די תנועות פון א געווענליכע מענטש, אידן וואס זענען נאך געווען אסאך אסאך פארן קריג - ווען דער רבי איז נאך געווען א אינגערמאן - האבן מיר דערציילט אז מען האט נישט געקענט אוועק קוקן פון זיין פנים, פון זיינע תנועות, עס האט געצויגן דעם מענטש מיט א שטארקע כח המושך, און דאס האבן מיר אויך געזעהן, דעם שטארקן כח המושך, אבער מיר זענען שוין געווען גרויסע חסידים.

מיין טאטע ע"ה האט מיר דערציילט אז ער איז געווען אין אוהעל ווען ער איז נאך געווען א אינגער בחור - ער האט געלערנט אין פאטיק וואס איז דארט אין שכינות - און דער רבי האט דארט געפראוועט דעם ישמח משה'ס יארצייט סעודה

האט ער דאס ערשטע מאל געזעהן דעם רבי'ן, - ער איז דאמאלטס געווען דרייצן יאהר - ער האט נישט געקענט אוועק קוקן פון אים, זיינע תנועות האבן אים געצויגן, ביז ווי לאנג דער רבי האט געלעבט האט מען נישט געקענט אוועק קוקן פון אים, זיינע תנועות האבן יעדן געצויגן, דאס איז א זאך וואס ווער עס האט עס נישט מיטגעלעבט קען זיך דאס נישט פארשטעלן, מען מיינט אז מען האט געלעבט אין א שטיקל דמיון, ניין, ניין, עס איז אזוי געווען ביי יעדן איינעם.

עס איז דא נאך א זאך וואס מיר האבן אויך מיטגעלעבט, דער רבי האט אריינגעשטעלט אין זיין עולם א ענין פון השתוקקות צו די גאולה שלימה וואס מיר אליינס קענען זיך דאס נישט פארשטעלן, איך בין געווען א אינגער בחור ווען דער רבי האט געזאגט זיינע תורות, זיין סדר א גאנץ יאר איז געווען אז פרייטאג צונאכטס זענען זיינע תורות געווען מיוסד אויף מדרשים, און ער האט געפרעגט דערויף עטליכע קשיות און דערנאך האט ער געבויעט א יסוד און געענטפערט א תירוץ דערויף, ביי של"ס האט ער געזאגט לאנגע תורות און דארט האט ער געבויעט עניני אמונה און מדות טובות, ער האט איינגעפרעדיגט דאס וואס ער האט געוואלט עס זאל אויסגעפירט ווערן, שובבי"ם האט ער מעורר געווען און גערעדט פון עניני קדושה, הושענה רבה צי אנדערע זמנים האט ער אויך גערעדט פון עניני קדושה.

אויך האט ער גערעדט פון השתוקקות צו ביאת המשיח אבער ווען ער האט גערעדט פון השתוקקות צו ביאת המשיח איז דאס געווען עד כלות הנפש און ער האט מיט דעם מיטגעריסן דעם גאנצן עולם, מען האט געלעבט פשוט אין אן אנדערן וועלט, מיט השתוקקות צו ביאת המשיח.

איך קען עס זאגן אויף מיר אליינס, ווען איך בין דארט געווען און נאך די תורה בין איך ארויסגעגאנגען פון ביהמ"ד, און ווען איך בין געשטאנען ביי די טיר צו די גאס האב איך געקלערט צו מיר 'איז משיח נאכנישט דא? עס קען נישט זיין, ביז איך וועל אנקומען אהיים וועט ער שוין זיכער זיין דא' אין אזא דערהויבענקייט האבן מיר געלעבט, מיטן אחכה לו בכל יום שיבוא, א גאנצן טאג האט מען גערעדט דערויף אסאך אסאך מער ווי מען ווארט היינט, כאטש מיר גלייבן היינט אויך אין ביאת המשיח, קיין רגע וועל איך נישט האבן קיין ספק און צפי' לישועה, אבער

נישט אויף דעם אופן ווי עס איז דעמאלטס געווען, ווייל זיין כח הקדושה וואס ער האט געהאט מקובל מאבותיו האט מיטגעריסן דעם גאנצן ציבור.

די זעלבע זאך וואס איז געווען ביי זיינע דרשות איז געווען ביי זיין דאווענען, ווען עס געקומען צו די שטיקלעך ביים דאווענען ווי מען רעדט פון ביאת המשיח איז עס געווען עד כלות הנפש, ווען ער האט געזאגט אור חדש על ציון תאיר, און ווען ער איז צוגעקומען צו די ווייטערדיגע ווערטער און ער האט געדארפט זאגן ונזכה כלנו, האט ער דאס געזאגט מיט אזא מין רייסעדיגע קול אז דאס האט א יעדן מיטגעריסן אז מען זאל שוין זוכה זיין צו זעהן במהרה לאורו, און אזוי איז געווען ביי אלע תפלות וואס האבן זיך גערעדט פון השתוקקות צו ביאת המשיח, דאס איז געווען אויף אזא פארנעם אז דאס האט מיטגעריסן דעם גאנצן עולם.

**התעוררות תשובה**

עס זענען דא נאך זאכן וואס מען וועט רעדן דערפון, און קען זיין אז מען האט שוין געהערט אמאל, און קען גאר זיין אז מען האט דאס קיינמאל נישט געהערט.

ווען דער רבי איז אריינגעקומען ראש השנה אין ביהמ"ד, איז דאס ביהמ"ד געווען צוזאמגעפרעסט דאס מערסטע וואס מען קען צוזאמשטופן מענטשן, נישט נאר די דורכגענג זענען געווען געפאקט, נאר די זיצן אויך - ווען מען זיצט אויף א בענקל דא אויף א פלאץ קען מען זיך דאס גארנישט פארשטעלן - מען איז געזעצן אנגעפרעסט איינער אויפן צווייטן.

איך געדענק נאך פון אלס אינג בחור'ל ווי דער רבי איז ארויפגעגאנגען אויפן ארון הקודש צו די תקיעת שופר דרשה, און נאך איידער ער האט אנגעפאנגען די דרשה האט ער ארויפגעלייגט זיינע הענט אויפן פרוכת, און ער האט זיך דערנאך אויסגעדרייט צום עולם, און פאר ער האט נאך אנגעפאנגען צו זאגן אווארט האב איך שוין געזעהן ווי מענטשן לייגן ארויףביידע הענט אויפן פנים און שרייען "אוי ווי ווי ווי ווי ווי", עס האט מיר אויסגעזעהן ווי עפעס איז געשעהן, אבער דערווייל איז גארנישט געשעהן, מען האט נאר אנגעקוקט זיין הייליגע צורה, נאך איידער ער האט ארויסגעזאגט א ווארט, ער האט געהאט אין זיך אזא מין כח הקדושה אז אין די זמנים ווען ער האט געוואלט מעורר זיין אידן האט ער ארויסגענומען מענטשן אינגאנצן פון די כלים, מען איז געווארן איבערגענומען פון

זיינע בכיות צו אויסריייניגן דאס הארץ צו תשובה.

ביי די דרשה וואס דער רבי האט געזאגט ראש השנה צי יום הקדוש איז געווען אזעלכע בכיות אין גאנצן ביהמ"ד אז מיר קענען זיך דאס נישט פארשטעלן, דער רבי האט געהאט א שארפע קול, א שארפע שניידעדיגע קול אז אפילו אינמיטן גרעסטן געוויין אין ביהמ"ד האט ער נאך אריינגעשניטן נאך און נאך און נאך און נאך, עס האט אויפגשטורעמט דעם גאנצן עולם.

דאס איז א זאך וואס מיר קענען זיך דאס היינט נישט פארשטעלן, מיר האבן דאס מיטגעלעבט ווי א דבר הרגיל, אז אזוי גייט דאס, אז דער צדיק זאגט א דרשה און דער גאנצער עולם גיסט טרערן מיט בכיות נוראות, און דאס איז ביי אונז געווען א דבר פשוט.

◇◇◇

איך קען נאכזאגן אפאר זאכן וואס איך האב אליין געהערט פון רבי'ן ווען איך בין דארט געווען, און מען האט געזען ווי דער רבי שלעפט מיט דעם גאנצן עולם מיט א געוויין.

דער רבי האט אמאל געברענגט פון הרה"ק ר' דוד'ל דינובער זי"ע - עס איז געווען ראש השנה אדער יום הקדוש איינע פון די לעצטע דרשות תשכ"ח - על תזכור לנו עונות ראשונים, וואס עפעס נאר די עוונות ראשונים זאלסטו נישט געדענקען, די עוונות אחרונים מעג מען דען יא געדענקען, נאר וואס דען? עס איז דא א מעשה אז נשמות פון יענע וועלט זענען געקומען בעטן פון הרה"ק ר' מענדל'ע פון רימנוב זי"ע אז אויבן ביים בי"ד של מעלה זיצט דער גרויסער צדיק הרה"ק ר' מיכל'ע זלאטשובער זי"ע און ער איז א געוואלדיגער מחמיר אין חטאים פון מענטשן, ווייל ער איז געווען א געוואלדיגע גרויסע קדוש וטהור און ער האט נישט פארשטאנען אז נישט יעדער איינער איז אזוי אפגעהיטן, און ער איז א גרויסער מחמיר האבן זיי געבעטן דעם רבי'ן ר' מענדל'ע רימנובער אז מען זאל אוועק שטעלן דעם רבי'ן ר' מיכל'ע זלאטשובער און מען זאל אהין שטעלן אן אנדערן וואס איז נישט אזוי שטארק מחמיר.

האט דער רבי געזאגט אז אין די פריערדיגע צייטן זענען געווען עוונות וואס איז נאך פארעכנט געווארן פאר מענטשן ווי עוונות, אבער היינט איז שוין שוואכער,

בעט מען דעם אויבערשטן, זאלסט נישט געדענקען פאר אונז אזעלכע עבירות וואס פאר די ראשונים האט דאס נאך געהייסן עבירות, און ביי אונז הייסט דאס שוין נישט קיין עבירות ווייל מיר קענען דאס נישט בייישטיין, אזוי האט דער רבי געזאגט מיט געוואלדיגע בכיות.

איך געדענק ווי דער רבי האט אמאל נאכגעזאגט דעם באקאנטן ישמח משה, דער ישמח משה זי"ע האט געזאגט סוף ימיו ווען ער איז שוין געווען אן אלטער איד, האט דער ישמח משה געזאגט הייליגער באשעפער, ווען איך וואלט ווען געוויסט אלס אינגערמאן אז עס וועט קומען א צייט ווען איך וועל אלט ווערן און משיח וועט נאך נישט דא זיין וואלט איך עס נישט געקענט אויסהאלטן, וואס פאר א קונץ איז פאר דיר רבוש"ע אויסצונארן אן אלטער - דער רבי האט ארויסגעזאגט - אן אלטער נער, דער רבי האט דאס געזאגט מיט אזעלכע בכיות, אז דער גאנצער עולם איז געווען אזוי פארכאפט אין בכיות נוראות, איך האט דאס געהערט דעמאלטס, איך בין דארט געשטאנען.

עס זענען דא נאך זאכן וואס איך האב געהערט פון רבי'ן וואס מען קען זיך אפילו נישט פארשטעלן צו ווינען דערויף, - דער רבי האט געזאגט דעם לעצטן יום הקדוש (שנת תשכ"ח) - עס שטייט אין נועם מגדים, אילו שמרו ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלים, זאגט דער רבי נאך פונעם נועם מגדים, אז דאס מיינט ווען יום הקדוש געפאלט אום שבת, האט דער רבי געזאגט אז יעצט איז יום הקדוש און שבת, די איינע יום הקדוש טאמער וועט אדורכגיין ווי עס דארף צו זיין, וועט אודאי שוין קומען די גאולה, דער רבי האט עס געזאגט מיט אזעלכע בכיות.

איך שטעל זיך פאר אז הונדערטער צו טויזענטער אידן האבן געלערנט דעם שטיקל נועם מגדים און זיי האבן זיך נישט פארגעשטעלט אז טויזענטער אידן קענען ביי דעם ווינען, און אזוי אויך ווען דער רבי האט נאכגעזאגט אנדערע חלקים, צו ווען דער רבי האט נאגעזאגט אן אור החיים הק', מיט אזעלכע בכיות, אז בשעת מען לערנט דאס האט מען נישט געקענט טראכטן אז ביי דעם שטיקל זאל דער רבי קענען מעורר זיין אזויפיל טויזענטער אידן, אזוי איז געווען אז ווען דער רבי האט געזאגט א זאך און ער האט געוואלט מעורר זיין, האט ער געהאט אזא כח הקדושה, וואס ער האט געהאט בירושה פון זיינע עלטערן און פון זיינע זיידעס, אז ער האט

מעורר געווען אידן צו תשובה אויפן שטארקסן אופן וואס איז נאר מעגליך.

**דבוק אין די תורה הק'**

דעם רבי'נס טאנצן די הקפות איז געווען א חידוש נאך אלס אינגערמאן אינדערהיים, ווען מיר האבן עס צוגעזען דא איז דער רבי שוין געווען אן אלטער איד.

עס זענען געווען צוויי תקופות ביים רבי'ן, עס איז געווען די תקופה ביז שבת שקלים תשכ"ח, תשכ"ח איז דער רבי שוין געווען איין און אכציג יאר, און ביז דעמאלטס איז ער געווען א גיבור חיל, עס איז נישט געווען דאס מין זאך אז ער זאל זיך דארפן אפרוען, עס איז נישט געווען אזא זאך אז מען זאל אים קענען רעגירן, אז יעצט דארף מען זיך אכט געבן אויף עפעס, ער האט געקענט האבן הויעך פיבער און איז געקומען טאנצן די הקפות, מען האט אים נישט געקענט צוריק האלטן פון גארנישט.

נאך שבת שקלים תשכ"ח ווען ער איז שוואך געווארן דעמאלטס איז געווען אן אנדערן זמן, מען האט אים שוין געדארפט ארויסהעלפן אין אלעם, מען האט אים גערדארפט העלפן גיין, און מען האט אים בכלל געדארפט ארויסהעלפן אין שטוב, איז ער דעמאלטס אוועק געפארן פון שטאט וואוינען, ווייל ער האט גערדארפט שפאצירן און דא האט ער נישט געקענט ארויסגיין אין די גאס ווייל עס זענען אים נאכגעלאפן טויזענטער אידן, ווען ער איז ארויסגעגאנגען אין גאס איז די גאנצע גאס צוזאמגעלאפן אנקוקן זיין הייליגע צורה, ממילא האט ער געמוזט ארויסמופן, און ער איז אריינגעקומען אלע ימים טובים און אלע שיינע שבתים, און ער איז אריינגעקומען חנוכה, פורים און ל"ג בעומר, און צו מסיבות איז ער אריינגעקומען, אבער געוואוינט האט ער אינדרויסן, ביז תשכ"ח האט ער געוואוינט דא אין שטאט.

די הקפות האט ער געטאנצט ביז דעמאלטס מיט א געוואלדיגע התלהבות, אינגאנצן נישט וואס א שכל האנושי קען משיג זיין, ווען איך וועל זאגן אז עלעקטראנישע דראנטן (ווייער"ס) לויפן אין די הייעך אין ער כאפט זיך אהן אין דעם און ער פליעט מיט, קען מען עס אביסל משיג זיין, ער האט זיך אנגעכאפט אין די תורה הקדושה, האט מען געקענט זאגן אז די תורה פליעט מיט אים, די תורה

טראגט אים, נישט ער טראגט די תורה, אזוי האט מען געקענט אביסל פארשטיין.

אבער ווי אזוי א מענשט טאנצט מיט אזא התלהבות, א מענטש וואס איז נישט געוואוינט צו דעם זאל אזוי טאנצן, אזוי לויפן און אזוי פליען דאס האט נישט געקענט זיין נאר איינער וואס די תורה הק׳ טראגט אים, און אידן האבן זיך געשטיפט צו קענען זעהן און מיטגעהאלטן די הקפות מיט א געוואלדיגע גרויסע התלהבות, עס זענען געקומען צו פארן פון אלע עקן וועלט אהן א שיעור אידן צו קענען מיטהאלטן דעם רבי׳נס הקפות, און אינדערהיים איז דאס שוין געווען א חידוש.

**ברוך הוא אלקינו... ונתן לנו תורת אמת**

מיר דארפן וויסן, אז ביים אויבערשטן איז נישטא קיין ריחוק המקום און נישט קיין ריחוק הזמן, דאס וואס אונזערע צדיקים האבן אונז געלערט, און וואס זיי האבן אונז מודיע געווען, דארפן מיר אפהיטן אפי׳ עס איז געווען יארן יארן צוריק, עס זענען טאקע דא זאכן וואס פריערדיגע צדיקים האבן געזאגט און געלערנט, וואס דאס איז געווען נאר פאר זייערע חסידים אין זייערע זמנים, אבער עס זענען דא זאכן וואס מען האט אונז געלערנט וואס דאס איז חי וקים עד היום הזה.

דאס וואס אונזער רבי האט אונז געזאגט און געלערנט דאס איז א תורה שלימה ביז ביאת המשיח, דאס וואס ער האט געזאגט און דאס וואס ער האט געשריבן, איז א חיוב פאר אונז נאכצופאלגן און נאכצוגיין, די ריחוק הזמן טאר בשום אופן נישט אפקולן ח״ו, פונקט פארקעט, די ריחוק הזמן דארף מאכן אז מען זאל זיך מער האלטן דערצו, ווייל אפשר קען מען אפגעקילט ווערן, עס דארף זיין א בושה פאר א סאטמארער חסיד צו זאגן אז עס איז שוין דורך אזא לאנגע צייט און מען מעג שוין היינט אביסל נאכלאזן ח״ו.

מיר קענען דאס זאגן קלאר, די משנה אין אבות פאנגט זיך אן (פרק א משנה א) ״משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקינים וזקינים לנביאים ונביאים לאנשי כנסת הגדולה״, דאס איז נאר דעמאלטס ווען מיר האבן די תורה וואס משה רבינו האט מקבל געווען פונעם אויבערשטן, אויב האט מען דאס קיינמאל נישט מְשַׁ‏נֶּה געווען קען מען זאגן משה קיבל תורה מסיני, אויב איז מען דאס משנה אפי׳ א זוז כל שהוא, מען גייט אויף אנדערע דרכים, מען נעמט אהן

אנדערע מהלכים איז דאס נישט די תורה פון משה רבינו, דאס וואס מיר זאגן אין אני מאמין (עיקר ט) שזאת התורה לא תהא מוחלפת איז נאר אויב מען איז נישט משנה, טאמער איז מען דאס יא משנה איז דאס נישט די תורה וואס לא תהא מוחלפת.

מיר זענען א עם הנבחר ווייל מיר האבן א תורה, טאמער איז דאס די תורה וואס מיר האבן נישט משנה געווען איז דאס די תורה וואס מען האט מקבל געווען אויפ'ן בארג סיני און מיר זענען א עם הנבחר, עס זענען דא גאנץ ערליכע אידן וואס זיי דינען דעם אויבערשטן און זיי טוען מצוות און זיי האבן יא משנה געווען פון וואס זייערע עלטערן און זייערע פריערדיגע צדיקים האבן זיי געלערנט, און זיי האבן נישט קיין תורה מסיני און זיי קענען נישט זאגן זאת התורה לא תהא מוחלפת.

מיר דארפן וויסן אז מיר האלטן זיך צו דעם און מיר האבן די ריינע תורה אהן קיין שום שינוי ביז משה רבינו, וועט א סאטמארער חסיד זאגט א יעדן טאג ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו והבדלנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת דארפן מיר וויסן אז דאס איז אנדערש ווי די וואס האבן נישט די תורת אמת, און מען דארף ביי דעם זינגען און טאנצן און זיך פרייען דערמיט אז מיר האבן זוכה געווען אז מיר האבן דעם ריכטיגן ריינעם תורת אמת, והבדלנו מן התועים דארפן מיר זאגן מיט גרויס כוונה און מיט א גרויסע שמחה.

◇◇◇

### דער רבי בעט פאר אונז אויבן אין הימל

צום ענדיגן וועל איך נאכזאגן די ווערטער מיט וואס דער רבי זי"ע ענדיגט זיין הקדמה צום ספר הק' ויואל משה, "וטעם השני כי בשם זה מוזכר שמי הדל בצירוף שמו הקדוש של ק"ז הישמח משה זללה"ה", וואס דער ישמח משה האט זיך מוסר נפש געווען כל ימיו איבער די גאולה שלימה און ער האט געזאגט אז איך בין אנדערש ווי אלע אנדערע צדיקים וואס זיי ווארטן אויף די גאולה, ווייל איך האב מיטגעלעבט דעם חורבן, און די גאנצע חורבן שטייט נאך פאר מיינע אויגן, איז אינו דומה שמועה לראי', פאר דעם האט ער געווארט אויף ביאת המשיח אנדערש ווי אנדערע צדיקים, זאגט דער רבי ווייטער "ואין ספק כי גם עכשיו הוא עומד ומבקש רחמים על ישראל ועל קדושת שמו ית' כאשר הבטיח", בפשטות ווי מיר ווייסן האט

מען אים אריינגענארט אין גן עדן, עס קען זיין אז מען האט אים אריינגענארט, אבער דער רבי זאגט ער איז נאך אלץ מבקש רחמים על ישראל ועל קדושת שמו יתברך.

אויב האט דער רבי דאס געזאגט אויפן ישמח משה ווייל דער ישמח משה האט דאס געטוהן כל ימי חייו, קענען מיר דאס זאגן קלאר און זיכער באין ספק, אז דער צדיק וואס האט כל ימי חייו זיך געזארגט און געטוהן אלע פעולות אז מיר זאלן זיך קענען האלטן אין גלות טוט ער דאס אויבן אויך, ער איז מבקש רחמים על ישראל ועל קדושת שמו יתברך.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז זיין בקשת רחמים זאל טוהן די ריכטיגע פעולה, אז מיר זאלן זיך קענען האלטן, און מיר זאלן האבן די זכי' אז דער רבי זאל זיין געזונט זאל אונז ווייטער פירן אזוי ווי רביה"ק זי"ע האט געוואלט, ווייטער פירן מיט גרויס סייעתא דשמיא זיינע מוסדות, ווייטער פירן זיין קהלה, ווייטער פירן די מלחמה קעגן ציונות און קעגן אלע פירצות הדור אויף די גאנצע וועלט, און די תפילות פונעם רבי'ן זי"ע זאלן חל זיין אויף אונז און אויף רבינו שליט"א ביז משיח וועט קומען, בב"א.

◇◇◇